תזריע מצורע תשפ"ג
גליון 137

# דעם רבינ'ס ליכט

## דער רייינער קוואל

**אַ גוט שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ אַזַא הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב. מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַאֲכָלִים פוּן מַלְאָכִים, דִי מַצָּה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי אוֹיךְ דִי פִיר כּוֹסוֹת פוּן גְאוּלָה וִישׁוּעָה.

מִיר פַארְגֶעסְן נִישְׁט דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב וֶוען מִיר הָאבְּן טֶעג אוּן וָואכְן גֶערוֹימְט אוּן מְבַטֵּל גֶעוֶוען דֶעם חָמֵץ פוּן שְׁטוּב אוּן פוּן אוּנְזֶער הַאַרְץ.

וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט אוּנְז מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אִינְמִיטְן דִי טֶעג פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר לָאמִיר זֶען אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (פסח ט) וִויאַזוֹי ר' נָתָן טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק "וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת".

אִין תּוֹרָה שְׁטֵייט וּסְפַרְתֶּם לָכֶם, דַרְשְׁ'נֶען חֲזַ"ל 'לָכֶם – לְעַצְמְכֶם' אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ, פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט זַיין עִנְיָן אוּן זַיין מַצָּב אוּן עֶלְטֶער, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס דַאכְט זִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען






**אַייֶערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

בֶּעסֶער פוּן מִיר.

עֶס אִיז דָא אַ קְלֵיין תּוֹרָה'לֶע וָואס רוּפְט זִיךְ "אֶחָד הָיָ' אַבְרָהָם", וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר הִתְקַרְבוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַז שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים א.ד.ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט אוּנְז טַאקֶע אִין דֶער מַעֲשֶׂה פוּן חָכָם וְתָם אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מְלָאכָה פוּן שׁוּסְטֶעַרַיי אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זַיינֶע שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט פַארְקוֹיפְט הָאט גֶעהַאט דְרַיי עֶקְן, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין שִׁיךְ אוּן גֶעזָאגְט: "וִוי שֵׁיין אוּן וִוי זִיס אִיז דָאס שִׁיכֶעלֶע!", וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶעְר'ס נֶעמֶען דְרַיי גוּלְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ גוּלְדְן מִיט אַ הַאלְבּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער וָואס הָאבְּן מִיר צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע?".

זָאגְט ר' נָתָן אִין דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין אַפָּאר זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט תְּמִימוּת אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן בְּגַשְׁמִיּוּת, וֶוען זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אַפָּאר מָאל דָאפְּלְט מֶער פוּן אִים, עֶסְן מִיט טְרִינְקֶען, בְּגָדִים אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן, דַארְף אַ

המשך קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

מֶענְטְשׁ זַיין זַייעֶר פְּרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט, און זָאל זַיין אַן עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ.

דָאס זֶעלְבֶּע ווֶוען אַ אִינְגְל זֶעט ווִי זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען חָשׁוּבֶ'ער און פִיל גְרֶעסֶער פוּן אִים אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, מֶער פוּן טוֹיזְנְט מָאל גְרֶעסֶער, טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן, אַזוֹי ווִי בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם תָּם, וָואס דִי שִׁיךְ מִיט דְרַיי עֶקְן אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן דַאווֶנֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם אֲפִילוּ אוֹיבּ דָאס דַאווֶנֶען קוּקְט נֶעבֶּעך אוֹיס אַן אַ פָּנִים און אַן אַ טַעַם דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר מְחַזֵק זַיין און מַאכְן אַן עֵסֶק דֶערְפוּן.

טְרָאץ וָואס מַיינֶע חֲבֵרִים קֶענֶען מִיךְ אָנְקוּקְן ווִי דֶער שְׁטָאטְ'ס נַאר, ווֶעל אִיךְ צֵיילְן סְפִירָה פַאר מִיר און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה וָואס מֶען פַארְדִינְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זַיי אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תָּם און מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּמִימוּת בֶּאֱמֶת און זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

# איין אשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

ווֶער הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעזֶען אַ צֶערִיסֶענֶע סָאפֶּע-בֶּעט? אַסאַךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ צֶערִיסֶענֶע סָאפֶּע, אָבֶּער אַזַאנְס ווִי אוּנְזֶער סָאפֶּע הָאבְּן ווֵיינִיג מֶענְטְשְׁן גֶעזֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט סְתָּם צֶערִיסְן נָאר שׁוֹין צֶעפְּלִיקְט... מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט קוֹיפְן אַ נַייעֶ סָאפֶּע ווַייל אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער. בַּיי אוּנְז הָאט דֶער סָאפֶּע גֶעקֶענְט זַיין אַ טְרָאמְפְּאלִין!

פַאר מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער אַ נַייעֶ דִירָה הָאבְּן מִיר, גְרוֹיסֶע קִינְדֶער גֶעהָאפְּט אַז דֶער סָאפֶּע ווֶעט בְּלַייבְּן דָארְט. ווַייל עֶס לוֹינְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ צָאלְן אַרִיבֶּערְצוּפִירְן צוּ דִי נַייעֶ דִירָה. אָבֶּער ווֶען דֶער טָאג פוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיז אָנְגֶעקוּמֶען און מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעזֶען אַז אַ נַייעֶ סָאפֶּע ווֶעט נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁנֶעל, הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן פַאר דִי אַרְבֶּעטֶערְס אַרֵיינְלֵייגְן אִין טְרָאק אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי אַלֶע מֶעבְּל. אֲפִילוּ דֶער גוֹי'שֶׁער אַרְבֶּעטֶער הָאט גֶעקְרִימְט מִיט דִי נָאז, "דָאס שְׁלֶעפְּסְטוּ אוֹיךְ? לָאז עֶס דָא אִיבֶּער," הָאט עֶר גֶעזָאגְט זַיין מְבִינוּת...

"עֶר אִיז פוֹיל צוּ שְׁלֶעפְּן," הָאט מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט. "זָאל עֶר טוּן וָואס מְ'הֵייסְט..."

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר, און דֶערְנָאךְ נָאךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר בִּיז פֶּסַח אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. מִיר גְרוֹיסֶע קִינְדֶער הָאבְּן פְלֵייסִיג פֶּסַח'דִיג גֶעמַאכְט דֶער שַׁבָּת צִימֶער; דֶער טִישׁ, דִי בֶּענְקְלֶעךְ, סְפָרִים שַׁאפֶּע, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער אוּנְזֶער גֶענִיטֶע הֶענְט וָואס הָאבְּן עֶס גֶעוַואשְׁן און גֶעוִוישְׁט, אוֹיסְרָאטְנְדִיג יֶעדֶעס בִּיסְל חָמֵץ. ווֶען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֵיין

מַאכְן דִי סָאפֶּע הָאבְּן מִיר אוֹיסְגֶערוּפְן אַז דָאס קֶענֶען מִיר נִישְׁט מַאכְן. צְווִישְׁן דִי צֶעפְּלִיקְטֶע לֶעדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען בֶּערְג מִיט חָמֵץ אוּן שְׁמוּץ. ״ווִי אַזוֹי קֶען מֶען פֶּסָח׳דִיג מַאכְן אַזַא זַאךְ?״

מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט אַריינְגִיסְן שַׁארְפֶע זֵייפְן וָואס פַארְבְּרֶענְט דִי חָמֵץ אוּן אִיבֶּערְדֶעם וֶועט מֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אַ סְחוֹרָה אוּן ס׳וֶועט זַיין כָּשֵׁר לְפֶּסַח לַהֲלָכָה. אָבֶּער מִיר קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעפְרֵייט צוּ דֶעם ׳הֶיתֵּר׳.

״זַייטְס מִתְפַּלֵּל,״ הָאבְּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּנְז גֶעמוּטִיגְט. ״מְ׳קֶען קַיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן.״

אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעטוּן, אָבֶּער עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל נִישְׁט גֶעפְּלַאנְט אַריינְצוּנֶעמֶען אַ נַייעֶ סָאפֶּע אִין חֶשְׁבּוֹן. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען שְׁטְרֶענְג קֶעגְן מַאכְן חוֹבוֹת אוּן מַיין טַאטֶע פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אַריינְצוּפַאלְן אִין חוֹבוֹת. אוּן קוֹיפְן אַ סָאפֶּע וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיף חוֹבוֹת.

דֶעם אַנְדֶערְן טָאג אִיז מַיין מַאמֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט נֶעבְּן אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן מֶעבְּל. זִי הָאט נָאר אַרַיינְגֶעבְּלִיקְט דָארְט, נִישְׁט צוּ קוֹיפְן, נָאר צוּ פְרֶעגְן, אוּן עֶפֶּעס אִיז אַרַיין אִין אִיר קָאפּ. זִי הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ סָאפֶּע פַאר זֵייעֶר בִּילִיג אוּן זִי הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן אַז אֶפְשַׁר טַאקֶע?

דֶעם אַנְדֶערְן טָאג זֶענֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּער צוּם גֶעשֶׁעפְט אוּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוּמְגֶעקוּקְט מִיט הַאלְבֶּע אוֹיגְן, נִישְׁט מַמָּשׁ עֶרְנְסְט צוּ קוֹיפְן, וֶוען מִיר קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים זֶענֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל מִיט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן כַּוָּונָה...

דֶער פַארְקוֹיפֶער הָאט זֵיי גֶעווִיזְן אַ טַייעֶרֶע סָאפֶּע פוּן בֶּעסְטְן קְוואלִיטֶעט, שְׁטֶערְקְסְטֶע לֶעדֶער אוּן זֵייעֶר בַּאקְוֶועם וָואס אִיז זֵייעֶר בִּילִיג צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי קָאמְפַּאנִי הָאט זִיךְ עֶפֶּעס פַארְרֶעכְנְט אוּן בְּטָעוּת גֶעשִׁיקְט אַ גַאנְצֶע סְטָאק. יֶעצְט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ טוּן דֶערְמִיט אוּן גֶעבְּן עֶס אַוֶועק פַאר זֵייעֶר בִּילִיג. אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג הָאבְּן זִיךְ פִיל מִשְׁפָּחוֹת מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶער מְצִיאָה.



מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אוּן מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז דָאס וֶועט זַיין אַ ׳הִתְבּוֹדְדוּת בֶּענְקְל׳. מֶען וֶועט עֶס נִיצְן צוּ מַאכְן בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, תְּהִלִּים זָאגְן, זָאגְן שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת, אד״ג.

גְלַייךְ וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן גֶעלְט אִין בַּאנְק וָואס עֶר וַוייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס קוּמְט. אֶפְשַׁר אִיז עֶס אַ טָעוּת? אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט מְבָרֵר גֶעוֶוען אִיז עֶר גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין טָעוּת נָאר אַ מַתָּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער לְכָבוֹד יוֹם טוֹב. דִי גֶעלְט אִיז גֶעוֶוען כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע סוּמֶע פוּן דֶער סָאפֶּע.

עֶרֶב פֶּסַח אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ הֶערְלִיכֶע סָאפֶּע וָואס הָאט אוּנְז פַארְשַׁאפְט אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב!

# דער דרייסטער קאַנטאָניסט

װעלכער אינגל האָט נאָכנישט געהערט פון אַזאַ װאָרט, 'קאַנטאָניסטן'? דאָס זענען די קינדער װעלכע זענען אַװעקגעריסן געװאָרן פון זייערע עלטערן אינדערהיים דורך דעם רוסישן צאַר און זיינע זעלנער, װאו מען האָט די קינדער אַריינגעריקט אין די רוסישע מיליטער.

פערציג יאָר האָט ר' יצחק דוד כהן ז"ל – דער טאַטע פון ר' נפתלי כהן ז"ל – זיך פאַרזוימט אין די פרעמדע מיליטערישע באַראַקן, אָפּגעזונדערט פון זיין װאַרימע משפחה, פאַרװאָרפן צװישן די שמוציגע רוסישע גוים. ער איז געװען קוים אַ קליין קינד װען מען האָט אים באַרויבט פון זיינע עלטערן, אָבער פון אידישקייט האָט ער נישט פאַרגעסן. ער האָט זיך פּרובירט צו האַלטן װי װייט מעגליך. װען ער האָט בר מצוה געהאַט האָבן אים זיינע פאַרװייטאָגטע עלטערן געשיקט עפּעס גאָר אַ טייערן אוצר, אַ הייליגע פּאָר תפלין. די איין זאַך האָט אים געהאַלטן פעסט, 'זיינע תפלין', װאָס ער האָט נישט פאַרפּאַסט צו לייגן טראָץ די סכנות װאָס איז געװען, אויב מען װעט אים כאַפּן לייגן אַט די אידישע בענדלעך אויף זיינע הענט, און פאַרבינדן העכערן קאָפּ.

איינמאָל האָט עס טאַקע פּאַסירט! אַן אויפזעער פון די מיליטער האָט אים געפּאַקט ביי די מעשה, װען ער איז געװען באַצירט מיט זיינע תפלין. דער אויפזעער װערט אין כעס. 'אַזאַ חצפה פון אַ איד! שוין װעט מען אים לערנען די ביינער! ער קומט נאָנט צו די הייליגע תפלין און מיט זיינע אומװערדיגע הענט רייסט ער אַראָפּ די הייליגע תפלין פון ר' יצחק דוד'ס ריינע קאָפּ. ר' יצחק דוד האָט דאָס נישט געקענט פאַרשװייגן. אַזוי צו פאַרשװעכן די הייליגע תפלין? ר' יצחק דוד איז געװען פיזיש אַ שטאַרקער מענטש – אַ גבורה װאָס דער אויבערשטער האָט אים געשאָנקען, און יעצט װען ער האָט געדאַרפט



לוחם זיין פאַרן באַשעפערס כבוד איז דאָס אים גוט צונוץ געקומען. ער האָט געגעבן דעם אָפיציר אַ קנאַק מיט זיין ביקס און דער אָפיציר איז געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט. פאַרשטייט זיך אַז ר' יצחק דוד האָט נישט געמיינט אים צו הרג'ענען, נאָר אים צו לערנען אַ לעקציע.

גלייך איז געװאָרן אַן איבערקערעניש אין מיליטער. אַ קליינקייט? אַ סאָלדאַט האָט ערלעדיגט אַן אָפיציר. אַפילו דאָס װאָלט געװען מיט אַ גוי'שער סאָלדאַט װאָלט ער באַקומען אַ שטראָף, אָבער דאָ רעדט זיך עס פון אַ איד! דאָס איז זיכער אַ זאַך װאָס מען דאַרף שטרענג באַהאַנדלען.

*המשך בעז"ה די אנדערע וואך*

# א שמועס מיט'ן זיידן



פֶּסַח אִיז אַרײַן!

**בֶּערֶעלֶע** – אַ גוּטְן זוּמֶער, וָואס מַאכְט זֵיידִי? אַלֶע פֶּסַח'דִיגֶע זַאכְן זֶענֶען שׁוֹין פַארְפַּאקְט?

**זֵיידִי** – גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, וָואס פַארְצֵיילְסְטוּ בֶּערֶעלֶע?

**בֶּערֶעלֶע** – וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי גֶעוַוארְט אוֹיף פֶּסַח אוּן עֶס אִיז אַזוֹי שְׁנֶעל אַרִיבֶּער, מַמָשׁ עֶטְלִיכֶע טֶעג צוּרִיק הָאט מֶען גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעשְׁוִויצְט. אוּן יֶעצְט קוּק אִיךְ צוּרִיק אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דֶער יוֹם טוֹב אִיז מִיר אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן אִין אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק...

**זֵיידִי** – אֱמֶת, אַזוֹי קוּקְט אוֹיס, אָבֶּער מְ'דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם וָואס דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב שְׁרַייבְּט אַז דֶער יוֹם טוֹב גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער נָאר סְ'גֵייט אַרַיין!

**בֶּערֶעלֶע** – וָואס מֵיינְט סְ'גֵייט אַרַיין? אִין מִיר אִיז דָא פֶּסַח?

**זֵיידִי** – יָא יָא! אַזוֹי וִוי דוּ הֶערְסְט! פֶּסַח אִיז נִישְׁט קֵיין טַאפֶּעדִיגֶע גַשְׁמִיוּתְ'דִיגֶע זַאךְ אֵיין מִינוּט הָאסְטוּ עֶס אוּן דִי צְווֵייטֶע מִינוּט אִיז עֶס מֶער נִישְׁטָא. יוֹם טוֹב פֶּסַח אִיז אַ הֶעכֶערֶע לִיכְטִיגְקַייט וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַוֶועק, נָאר עֶס בְּלַייבְּט אִין אוּנְז אוּן בַּאגְלֵייט אוּנְז וַוייטֶער. דָאס מֵיינְט אַז דֶער 'פֶּסַח', דִי קְדוּשָׁה פוּן דֶער יוֹם טוֹב אִיז אַרַיין אִין אוּנְז.

אָבֶּער דַיינֶע פְרַאגֶעס בֶּערֶעלֶע זֶענֶען גֶעוַואלְדִיג! עֶס מַאכְט מִיךְ אַלֵיין קְלָאר דֶעם עִנְיָן.

**בֶּערֶעלֶע** – בֶּאֱמֶת? מַיינֶע פְרַאגֶעס הֶעלְפְן פַאר זֵיידִי?

**זֵיידִי** – דַיינֶע שְׁאֵלוֹת בֶּערֶעלֶע פְרֶעגְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען אַסַאךְ דָאס קֶען צוּבְּרֶעכְנֶען אַז צוּמָאל פַארְלִירְן זֵיי דִי תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת פוּן אַ קִינְד וָואס פְרֶעגְט זַיין פְרַאגֶע אַזוֹי אֱמֶת'דִיג אוּן לוֹיטֶער. מֶען הֶערְט אַ גוּט וָוארְט אוּן שׁוֹין גֵייט מֶען וַוייטֶער, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ אַ מִינוּט צוּ אַרַיינְקְלֶערְן, 'וָואס הָאבּ אִיךְ דָא גֶעהֶערְט, וָואס אִיז פְּשַׁט? וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר?'

פַארְשְׁטֵייסְט בֶּערֶעלֶע? דַיינֶע פְרַאגֶעס הֶעלְפְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ אֱמֶת'דִיג פַארְשְׁטֵיין דִי זַאכְן וָואס מִיר שְׁמוּעֶסְן.

**בֶּערֶעלֶע** – הָא, יִישַׁר כֹּחַ זֵיידִי. אִיךְ פְרַיי מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז סְ'אִיז גוּט אַז אִיךְ פְרֶעג, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס וָואס אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל צוּ רֶעדְן וֶועגְן דֶעם. חוֹל-הַמוֹעֵד פֶּסַח הָאבְּן מִיר זֵייעֶר גוּט פַארְבְּרֶענְגְט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן פֶענְסְטֶער אוּן גֶעזֶען וִוי דִי שְׁכֵנִים פָארְן אַרוֹיס צוּזַאמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִיז מִיר גֶעוָוארְן אַבִּיסְל אוּמֶעטִיג... שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מִיר אִינְגְלֶעך פוּן שׁוּל דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעפָארְן אִין שֵׁיינֶע פְּלֶעצֶער... מַיין טַאטֶע וִויל נִישְׁט פָארְן חוֹל-הַמוֹעֵד אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, עֶר זָאגְט, "אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ", ווארול אִיז אוּנְז אַז מִיר הָאבְּן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן מֶען קֶען פַארְבְּרֶענְגֶען

צוזאַמען. בָּרוּךְ ה', אִיךְ הָאבּ דֶעם יוֹם טוֹב אַסאַךְ גֶעלֶערְנְט מִיט מַיין טַאטֶע אוּן בְּרִידֶער אוּן גֶעשְׁפִּילְט אִינְאֵיינֶעם, אָבֶּער אִיךְ פִּיל עֶפֶּעס אַזוֹי נֶעבֶּעכְדִיג, אַלֶע חֲבֵרִים אִין חֵדֶר דֶערְצֵיילְן וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶעפָארְן אוּן שְׁפַּאצִירְט אוּן אִיךְ? וָואס זָאל אִיךְ שׁוֹין זָאגְן? אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם פֶּסַח אַלֵיין?!...

**זֵיידִי** – אַיי, מַיין צַדִיק! דִי וֶועלְט נַארְט אוּנְז אָפּ! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, 'דָאס זָאלְט אִיר בַּאקוּמֶען פוּן מִיר אַז דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן...' וַוייל עֶס אִיז דָא דִי בְּלִיק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז דָא אַ הֶעכֶערֶע סָארְט בְּלִיק פוּן עָלְמָא דְאָתִי - אַ בְּלִיק פוּן דֶער אַנְדֶערֶע וֶועלְט.

**בֶּערֶעלֶע** – וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן דֶער בְּלִיק פוּן אוֹיבְן אִין הִימְל - דִי אַנְדֶערֶע וֶועלְט?

**זֵיידִי** – זֵייעֶר גוּט פְרֶעגְסְטוּ! דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי וֵוייסְן. זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּקְן אוֹיפְן תַּכְלִית. לָאמִיר טְרַאכְטְן צוּזַאמֶען, וִוי אַזוֹי קוּקְט מֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוען אַ אִינְגְל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ פַּארְוַויילוּנְג'ס פַּארְק? גֶעוַואלְדִיג! יֶעדֶער וִויל הֶערְן וִוי אַזוֹי ס'אִיז גֶעוֶוען... אוּן וֶוען אַ אִינְגְל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַבִּיסְל לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת? הָא, זֵייעֶר שֵׁיין, ס'אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט...

אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִינְגַאנְצְן... אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט דָארְטְן זָאגְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ מֶעכְטִיגֶע פַּארְק... וֶועט מֶען אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר רֶעדְט דָא, וָואס אִיז דָאס אַ חִידוּשׁ? אַ הֵיילִיגֶע סֵפֶר? אַ מִצְוָה?

דָארְט אִיז עֶס הָבֶל הֲבָלִים גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט... אָבֶּער אַז אֵיינֶער בְּרֶענְגְט דָארְט אַבִּיסְל לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט וֶוערְט דָארְט אַזַא רַעשׁ אַז אַלֶע מַלְאָכִים קוּמֶען צוּ לוֹיפְן... לָאמִיר זֶען, לָאמִיר הֶערְן, הָא, הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים, לִיכְטִיגֶע הַשְׁפָּעוֹת אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט, דָארְט אִיז עֶס אַזַא וֶוערְדְפוּלֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן!!!

**בֶּערֶעלֶע** – זֵיידִי, ס'אִיז בֶּאֱמֶת אַ נַייעֶ קוּק, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס בִּיסְל לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת וָואס אִיז זָאג אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר.



**זֵיידִי** – אַוַודְאַי! אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶעס וָוארְט פוּן תּוֹרָה פוּן דַאוֶוענֶען, יֶעדֶע תְּנוּעָה וָואס מֶען טוּט אַ מִצְוָה אָדֶער אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען וִויל נָאר טָאן גוּטְס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר טַייעֶר. וַוייל קַיין שׁוּם רָצוֹן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן. אָבֶּער עֶס פֶּעלְט אוֹיס דִי אֱמוּנָה צוּ גְלוֹיבְּן אַז אַזוֹי אִיז עֶס, אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיבְן.

ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן. אֵיינְמָאל הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֶוען ר' אַבְרָהָם הָאט דָארְט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי עֶר וֵויינְט אוּן זָאגְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַוואוּ נֶעמְט מֶען דִי אֱמוּנָה אַז קַיין שׁוּם דִבּוּר וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן? אַוואוּ? אַוואוּ? וואוּ נֶעמְט מֶען דִי אֱמוּנָה אַז דִי שְׁטֵייסְט אִיבֶּער מִיר אוּן הֶערְסְט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד?!"

ר׳ אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אַז עֶר הָאט עֶס קַיינְמָאל מֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן. דִי דִיבּוּרִים הָאבְּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען הִתְבּוֹדְדוּת בֶּאֱמֶת. ווַייל מֶען דַארְף אַסַאךְ ווֵיינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז סְ׳אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, אוּן דָארְט קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ, דֶער עִיקָר אַז דָארְט זָאל מֶען נִישְׁט זַיין נִבְעֶכְדִיג אוּן פַארְשֶׁעמְט...

**בֶּערֶעלֶע** – אַזַא יְשׁוּעָה אַז אוּנְז הָאבְּן אַזַא רֶבִּי׳ן, אִיךְ פִּיל שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ אִינְגַאנְצְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען צְווִישְׁן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועל אִיךְ אַלֶעס פַארְגֶעסְן....

**זֵיידִי** – אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן דִי אֱמוּנָה אַז כָאטְשׁ דָא קוּקְן נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים אַזוֹי גֶעשֶׁעצְט אָבֶער אוֹיבְן אִיז עֶס גְרוֹיס, שֵׁיין אוּן טַייעֶר, אַזוֹי ווִי ר׳ נָתָן הָאט גֶעזוּנְגֶען וֶוען דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן אִים גֶעוָוארְפְן שְׁטֵיינֶער. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אַז כָאטְשׁ יֶעצְט קְרִיגְט מֶען זִיךְ אוֹיף אִים אָבֶער צוּם סוֹף וֶועלְן אַלֶע זֶען אוּנְזֶער גְרוֹיסְקַייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט... יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי וֶוערְטֶער, נִישְׁט נָאר ר׳ נָתָן, נָאר אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט טַייעֶר בַּיי דִיר קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִינְגֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין דִי לִיד, לָאמִיר זִינְגֶען צוּזַאמֶען:

"אוּנְזֶער גְרוֹיסְקַייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקַייט וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען... גְדוּלָּתֵינוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ יְגַלֶּה מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ..."



# ~ דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 3 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס




**אִין דֶעם אַנְדֶערִין טָאג פוּן שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה.** הָאבִּין זִיךְ דִי חָתָן כַּלָּה ווִידֶער דֶערְמַאנְט. אִין דֶעם אַנְדֶערִין בֶּעטְלֶער. וָואס עֶר אִיז גִיוֶועןְ אַ טוֹיבֶּער וָואס עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶּה גִיוֶוען.

**אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרוֹיט.** אוּן זֵיי הָאבִּין גִיווֵיינְט אוּן גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא אַהֶער דֶעם טוֹיבִּין בֶּעטְלֶער וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְחַיֶּה גִיוֶוען.

**דֶערְוַוייל.** ווִי זֵיי הָאבִּין אַזוֹי גִיבֶּענְקְט נָאךְ אִים. דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז אוֹיף זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט.

**אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט.** הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ אַז אִיר זָאלְט לֶעבִּין. אַזוֹי אַ חַיִּים טוֹבִים (כְּלוֹמַר אַ גוּט לֶעבִּין) אַזוֹי ווִי אִיךְ. וָוארִין פְרִיר הָאב אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט דֶערְמִיט. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ מַיין חַיִּים טוֹבִים בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק:

**אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין טוֹיבּ.** אִיךְ בִּין גָאר נִיט טוֹיבּ. נָאר דִי גַאנְצֶע ווֶועלְט. טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָאר נִיט אָן אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָּרוֹן. וָוארִין גָאר אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער ווֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת.

**וָוארִין אִיטְלִיכֶער שְׁרַייט** אוֹיף זַיין חִסָּרוֹן. דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע גֵייט אִים אָפּ. אוּן אַפִילוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת פוּן דֶער ווֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת. וָואס מֶע פְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע אִיז אִים אָפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סֶע אִיז אִים אָפְּגִיגַאנְגֶען.

**אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט דִי גַאנְצֶע ווֶועלְט** גָאר נִיט אָן. אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָּרוֹן. וָוארִין אִיךְ לֶעבּ אַזוֹי אַ חַיִּים טוֹבִים וָואס סֶע הָאט גָאר קֵיין שׁוּם חִסָּרוֹן נִיט. אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף אַז אִיךְ לֶעבּ חַיִּים טוֹבִים, פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת. אוּן זַיין חַיִּים טוֹבִים אִיז גִיוֶוען. עֶר הָאט גִיגֶעסִין בְּרוֹיט אוּן גִיטְרוּנְקֶען וַואסֶער. (הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט).

**בַּאֲשֶׁר סֶע פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה** וָואס אִין אִיר אִיז גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. זֵיי הָאבִּין גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת. אַמָאל זֶענֶען זֵיי זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען דִי עֲשִׁירִים.

**הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶער אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בַּארִימֶען** מִיט זַיין חַיִּים טוֹבִים. ווִי אַזוֹי עֶר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים. אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט דֶערְצֵיילְט. דֶער סֵדֶר פוּן זַיין חַיִּים טוֹבִים. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאבּ גִיזָאגְט צוּ זֵיי (דְהַיְינוּ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אִיךְ לֶעבּ חַיִּים טוֹבִים בֶּעסֶערֶע פוּן אַייךְ.

**וְהָא רַאְיָה.** וָוארִין אַז אִיר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְט זֶע דֶער מְדִינָה וָוארִין סֶע פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַ גָארְטִין אוּן אִין דֶעם גָארְטִין אִיז גִיוֶוען פֵּירוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי טַעֲמִים וָואס אִין דֶער ווֶועלְט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַלִירְלֵיי רֵיחוֹת** וָואס אִין דֶער ווֶועלְט. אוּן סֶע דָארְט גִיוֶוען אִין דֶעם גָארְטִין אַלִירְלֵיי מַרְאוֹת. וָואס פַאר אַ פַארְבּ אוּן אַלֶע קְוִויַיאטִין וָואס אִין דֶער ווֶועלְט. אִיז אַלְץ גִיוֶוען דָארְט אִין דֶעם גָארְטִין.

**אוּן סֶע גִיוֶוען אִיבֶּער דֶעם גָארְטִין** אֵיין אַ גְרַאדְנִיק (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר זֶעהְט צוּ דֶעם גָארְטִין) פְּלֶעגְט דִי מְדִינָה צוּ לֶעבִּין חַיִּים טוֹבִים דָארְךְ דֶעם גָארְטִין.

**אִיז דָארְט דֶער אַגְרֶאדְנִיק פַארְפַאלִין גִיוָוארִין.** מֵיילֶא וָואס סֶע אִיז דָארְט דָא אִין דֶעם גָארְטִין. מוּז בְּוַודַּאי שׁוֹין גָאר צוּ נִישְׁט ווֶערִין וָוארִין סֶע אִיז זִיךְ שׁוֹין נִיט דָא דֶער אַגְרֶאדְנִיק. וָואס עֶר זָאל דֶעם גָארְטִין צוּ זֶעהְן אוּן זָאל זִיךְ פָּארִין אַרוּם אִים וָואס מֶע בַּאדַארְף אַרוּם דֶעם גָארְטִין צוּ טָאן.

**לוּשְׁמִיר זֵיי וָואלְטִין נָאךְ גִיקָאנְט לֶעבִּין** פוּן דִי סְפִיחִים פוּן דֶעם גָארְטִין (דְהַיְינוּ פוּן דֶער ווִידֶער וַואקְסוּנְג. דְהַיְינוּ דָאס וָואס סֶע וַואקְסְט אִין אַ גָארְטִין אַלֵיין פוּן דֶעם וָואס סֶע פַאלְט אַרָאפּ)

**אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ מֶלֶךְ אַכְזָר** (כְּלוֹמַר אֵיין אוּם דֶערְבַּארִימִיקֶער) אוֹיף דֶער מְדִינָה אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גָאר נִיט גִיקֶענְט טָאן.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיי כַּלְיָא** גִימַאכְט דִי חַיִּים טוֹבִים פוּן דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין פוּן דֶעם גָארְטִין. אוּן נִיט עֶר הָאט כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם גָארְטִין.

**נָאר עֶר הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט אִין דֶער מְדִינָה.** דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט. אוּן עֶר הָאט זֵיי אָן גִיזָאגְט. אַז זֵיי זָאלִין טָאן דָאס וָואס עֶר הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. אוּן דוֹרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דָאס וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין. דוֹרְךְ דֶעם.

**הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם טַעַם.** וָוארִין דוֹרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן. דוֹרְךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט. אַז ווֶוער סֶע ווֶועט ווֶועלִין פִילִין אַ טַעַם. זָאל דָאס הָאבִּין אַ טַעַם פוּן נְבֵילָה.

**אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם רֵיחַ** אַז אַלֶע רֵיחוֹת זָאלִין הָאבְּן אַ רֵיחַ פוּן חֶלְבְּנָה. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי כַּלְיָא גִימַאכְט דִי

מַרְאָה. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט. אַז סֶע זָאל זַיין טוּנְקִיל אִין דִי אוֹיגִין. אַזוֹי וִוי סֶע אִיז אַז סֶע וָואלְקִינְדִיק. (דָאס הָאבִּין דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט אַלְץ אָנְגִיאַרְבֶּעט אִין דֶער מְדִינָה דָארְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיטָאן וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט זֵיי גִיהֵייסִין כַּנַּ"ל).

**הַיינְט אַז אִיר לֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים הֶעלְפְּט זֶע דֶער מְדִינָה.** (אַזוֹי זָאגְט אַלְץ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט אַז זֵיי לֶעבִּין חַיִּים טוֹבִים כַּנַּ"ל) אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ אַז אִיר וֶועט זֵיי נִיט הֶעלְפִין. וֶועט עֶס אַייךְ אוֹיךְ שַׁאטִין. (דְהַיְינוּ דָאס וָואס בַּיי דֶער מְדִינָה אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי מַרְאֶה אוּן דֶער טַעַם אוּן דֶער רֵיחַ. דָאס וֶועט אַייךְ אוֹיךְ דֶער לַאנְגֶען).

**הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דִי עַשִׁירִים הַנַּ"ל.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִילֶעבְּט אִיטְלִיכֶער זַיין חַיִּים טוֹבִים וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אוֹצְרוֹת כַּנַּ"ל.

**וִוי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶער מְדִינָה.** הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין בַּיי זֵיי אוֹיךְ כַּלְיָא צוּ וֶוערִין. דֶער טַעַם אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע זַאכִין הָאבִּין זֵיי דֶערְפִילְט אַז סֶע אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן.

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ זֵיי.** מַיידוּךְ הַיינְט אַז אִיר זֶענְט נָאךְ נִיט אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מְדִינָה. אִיז שׁוֹין בַּיי אַייךְ כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶער טַעַם אוּן דִי מַרְאָה אוּן דֶער רֵיחַ. וִוי וֶועט שׁוֹין זַיין. אַז אִיר וֶועט אַהִין אַרַיין גֵיין. אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וִוי קָאנְט אִיר זֵיי נָאךְ הֶעלְפִין.

**הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶען מַיין בְּרוֹיט אוּן מַיין וַואסֶער.** אוּן הָאבּ זֵיי גִיגֶעבְּן. הָאבִּין זֵיי גִיפִילְט אִין מַיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער אַלֶע טַעֲמִים (אוּן אַלֶע רֵיחוֹת וְכוּ') אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי פַארְרֶעכְט גִיוָוארִין וָואס סֶע אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין. (דְהַיְינוּ דֶער טַעַם אוּן דִי מַרְאָה אוּן דֶער רֵיחַ).

**אוּן יֶענֶע מְדִינָה.** דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶועזְן דֶער גָארְטִין (וָואס בַּיי זֵיי הָאט מֶען כַּלְיָא גִימַאכְט דֶעם טַעַם וְכוּ' כַּנַּ"ל) הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִיהוֹיבִּין אַרוּם צוּ קוּקִין אַז זֵיי זָאלִין פַאר רֶעכְטִין דִי מְדִינָה וָואס בַּיי זֵיי אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶעם טַעַם וְכוּ'

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועזְן.** בַּאֲשֶׁר סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת (דְהַיְינוּ טַאקֶע דִי מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת הַנַּ"ל וָואס דֶער בֶּעטְלֶער הָאט מִיט זֵיי גִישְׁמוּסְט כַּנַּ"ל) אִיז זֵיי גִיפֶעלִין (דְהַיְינוּ דֶער מְדִינָה וָואס דֶער גָארְטִין אִיז דָארְטִין גִיוֶועזְן אִיז זֵיי גִיפֶעלִין)

**אַז דֶער אַגְרָאדְנִיק זֵייעֶרֶער** וָואס עֶר אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין (וָואס דוּרְךְ אִים הָאבְּן זֵיי גִילֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים) אִיז עֶר פוּן אֵיין שׁוֹרֶשׁ מִיט דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת. וָואס זֵיי לֶעבִּין אוֹיךְ חַיִּים טוֹבִים.

**אִיבֶּער דֶעם אִיז זֵיי גִיפֶעלִין דִי עֵצָה.** אַז זֵיי זָאלִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת. זֵיי וֶועלִין זֵי בְּוַודַאי הֶעלְפִין. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן זֵיי הָאבִּין גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת. זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים גִיגַאנְגֶען הָאבִּין זֵיי אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע בַּאגֶעגִינְט. (דְהַיְינוּ דִי שְׁלוּחִים הָאבִּין זִיךְ בַּאגֶעגִינְט מִיט דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת אוֹיף דֶעם וֶועג. וָוארִין דִי מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת הָאט זִיךְ צוּ זֵיי גִיוָואלְט גֵיין כַּנַּ"ל)

**הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי שְׁלוּחִים** וואוּ הִין גֵייט אִיר. הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט מִיר גֵייעֶן צוּ דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת אַז זֵיי זָאלִין אוּנְז הֶעלְפִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפִין. מִיר זֶענֶען דָאס אַלֵיין דִי מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת. אוּן מִיר גֵייעֶן צוּ אַייךְ.

**הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין** (דְהַיְינוּ דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) צוּ זֵיי. אִיר בַּאדַארְפְט זִיךְ צוּ מִיר. וָוארִין אִיר קָאנְט זִיךְ נִיט גֵיין אַהִין אוּן זָאלְט זֵיי הֶעלְפִין כַּנַּ"ל. (וָוארִין אַז זֵיי זֶענֶען נָאר גִיוֶועזְן נָאהֶנְט צוּ דֶער מְדִינָה הָאט זֵיי אַלֵיין שׁוֹין אוֹיךְ גִישַׁאט. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכוּ' כַּנַּ"ל) בְּכֵן בְּלַייבְּט אִיר דָא אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט דִי שְׁלוּחִים. צוּ הֶעלְפִין זֵיי.

**בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט דִי שְׁלוּחִים.** אוּן בִּין גִיקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. בִּין אִיךְ אַרַיין גִיקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אַרַיין. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע קוּמֶען מֶענְטְשְׁן. אוּן סֶע זָאגְט אֵיינֶער אַ וֶוערְטִיל.

**אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען נָאךְ צוּ גִיקוּמֶען מֶענְטְשְׁן** בִּיז סֶע גִיוָוארִין אַ רֶעדִיל מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוערְטְלִיךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין גִילַאכְט הָאבּ אִיךְ מִיךְ צוּ גִיהֶערְט וָואס שְׁמוּסִין זֵיי. הָאבּ אִיךְ גִיהֶערְט. זֵיי רֵיידִין נִיבּוּל פֶּה. אוּן דֶער זָאגְט אַ וֶוערְטִיל פוּן נִיבּוּל פֶּה. אוּן דֶער זָאגְט אַבִּיסִיל אֵיידְלֶער אוּן דֶער לַאכְט אוּן דֶער הָאט הַנָאָה אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז.

**דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** אִין אֵיין אַנְדֶערֶע שְׁטָאט. (פוּן דֶער מְדִינָה) הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגִין זִיךְ. אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין. מַחְמַת עֶפֶּעס אַ מַשָּׂא וּמַתָּן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען צוּם בֵּית דִין זִיךְ לָדוּן. הָאט זֵיי דָאס בֵּית דִין גִיפַּסְקִי'ט. דֶער אִיז זַכַּאי אוּן דֶער אִיז חַיָּיב.

**זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען** פוּן דֶעם בֵּית דִין דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ וִוידֶער צוּקְרִיגְט. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט אַז זֵיי וִוילִין שׁוֹין נִיט דָאס בֵּית דִין נָאר זֵיי וִוילִין אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסגִיקְלִיבְּן אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִילָאדִין פַאר יֶענֶעם בֵּית דִין.

**דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ ווידֶער צוּ קְרִיגְט אֵייגֶער פון** דִי דָאזִיגֶע מִיט אֵיין אַנְדֶערִין הָאבִּין זֵיי זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין. און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט וַוייטֶער צוּ קְרִיגְט. דֶער מִיט דֶעם. און דֶער מִיט דֶעם. און זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַלֶע מָאל אֵיין אַנְדֶער בֵּית דִין.

**בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז פוּל גִיוֶועןן מִיט בָּתֵּי דִינִים.** הָאבּ אִיךְ אַ קוּק גִיטָאן. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. אַז דָאס אִיז מַחְמַת סֶע אִיז דָארְט קֵיין אֱמֶת נִיט דָא. און הַייְנְט אִיז דֶער מַטֶּה דִין און אִיז נוֹשֵׂא פָּנִים צוּ דֶעם. (כְּלוֹמֶר עֶר חַנְפִיט יֶענֶעם און פַּסְקִי'ט אִים צוּ) און דֶערְנָאךְ אִיז יֶענֶער נוֹשֵׂא פָּנִים אִים (כְּלוֹמֶר דֶערְנָאךְ פַּסְקִי'ט יֶענֶער ווידֶער אִים צוּ) וָוארִין זֵיי נֶעמֶען שׁוֹחַד און סֶע אִיז בַּיי זֵיי קֵיין אֱמֶת נִיט דָא.

**דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן** אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט נִיאוּף און סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר פִּיל נִיאוּף בִּיז סֶע אִיז שׁוֹין גָאר בַּיי זֵיי גִיוָוארִין ווִי אַ הֶיתֵּר. הָאבּ אִיךְ זֵיי גִיזָאגְט. אַז דֶער אִיבֶּער אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין. דֶער טַעַם און דֶער רֵיחַ און דִי מַרְאֶה

**וָוארִין דֶער מֶלֶךְ דֶער אַכְזָר הַנַּ"ל.** עֶר הָאט בַּיי זֵיי אִיבֶּער גִילָאזְט. דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט הַנַּ"ל. אַז זֵיי זָאלִין אוּם גֵיין און זֵיי זָאלִין כַּלְיָא מַאכִין דִי מְדִינָה.

**וָוארִין זֵיי זֶענֶען אוּם גִיגַאנְגֶען** און הָאבִּין גִירֶעט צְווִישְׁן זֵיי נִיבּוּל פֶּה. און זֵיי הָאבִּין אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיבּוּל פֶּה אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. און דוֹרְךְ נִיבּוּל פֶּה אִיז בַּיי זֵיי דוֹרְךְ דֶעם כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶעם טַעַם אַז אַלֶע טַעֲמִים הָאבִּין אֵיין טַעַם פון נְבֵילָה.

**און אַזוֹי הָאבִּין זֵיי אַרַיין גִיבְּרַאכְט שׁוֹחַד** אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין און דוֹרְךְ דֶעם אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארִין דִי מַרְאָה און סֶע אִיז בַּיי זֵיי טוּנְקִיל גִיוָוארִין אִין דִי אוֹיגִין.

**וָוארִין אַזוֹי שְׁטֵייט כִּי הַשׁוֹחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים.** כְּלוֹמֶר שׁוֹחַד מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגִין. און אַזוֹי הָאבְּן דִי קְנֶעכְט אַרַיין גִיבְּרַאכְט נִיאוּף אִין דֶער מְדִינָה. און דוֹרְךְ דֶעם אִיז כַּלְיָא גִיוָוארִין דֶער רֵיחַ וָוארִין דוֹרְךְ נִיאוּף וֶוערְט כַּלְיָא דֶער רֵיחַ.

(און דָאס הָאט עֶס דֶער מֶלֶךְ אַכְזָר אִיבֶּער גִילָאזְט דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט אִין דֶער מְדִינָה. און הָאט זֵיי גִיהֵייסִין אַז זֵיי זָאלִין אוּם גֵיין און זֵיי זָאלִין אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת אִין דֶער מְדִינָה. און דוֹרְךְ דֶעם אִיז בַּיי זֵיי כַּלְיָא גִיוָוארְן דִי מַרְאָה און דֶער טַעַם און דֶער רֵיחַ כַּנַּ"ל)

**בְּכֵן זָאלְט אִיר זֶעהְן פַּאר רֶעכְטִין דִי מְדִינָה** פון דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת. און אִיר זָאלְט נָאךְ זוּכִין נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן (דְהַיינוּ נָאךְ דִי קְנֶעכְט וָואס זֵיי הָאבִּין עֶס אַרַיין גִיבְּרַאכְט דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת אִין דֶער מְדִינָה כַּנַּ"ל)

**און אִיר זָאלְט זֵיי פַּארְטְרַייבִּין. און אַז אִיר וֶועט אַזוֹי טָאן. און אִיר וֶועט אָפְּרֵייניקְן דִי מְדִינָה פוּן דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת זָאג אִיךְ אַייךְ. אַז לֹא דִי** וָואס סֶע וֶועט בַּיי אַייךְ פַּאר רֶעכְט וֶוערְן דֶער טַעַם און דִי מַרְאָה און דֶער רֵיחַ, נָאךְ מֶער. אַפִילוּ דֶער אַגְרָאדְנִיק וָואס עֶר אִיז בַּיי אַייךְ פַּארְפַאלִין גִיוָוארְן. וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קָאנֶען אָפְּזוּכִין.

**הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גִיטָאן.** און זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹבִּין צוּ רֵיינִיקִין דִי מְדִינָה פון דִי דְרַיי עֲבֵירוֹת. און זֵיי הָאבִּין נָאךְ גִיזוּכְט נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן. (דְהַיינוּ נָאךְ דִי קְנֶעכְט הַנַּ"ל)

**און זֵיי הָאבִּין אָנְגִיכַאפְּט אַ מֶענְטְשְׁן.** און זֵיי הָאבִּין אִים גִיפְרֶעגְט. פון וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. בִּיז זֵיי הָאבְּן גִיחַאפְּט דִי מֶענְטְשְׁן פון דֶעם מֶלֶךְ אַכְזָר. (דְהַיינוּ דִי דְרַיי כִּתּוֹת קְנֶעכְט הַנַּ"ל) און זֵיי הָאבִּין דִי מֶענְטְשְׁן אַרוֹיס גִיטְרִיבְּן. און זֵיי הָאבִּין אָפְּגִירֵייניקְט דִי מְדִינָה פון דִי עֲבֵירוֹת.

**דֶערְוַוייל אִיז גִיוָוארְן אַ רַעַשׁ.** אֶפְשֶׁר אִיז פָּארְט דֶער מְשׁוּגֶענֶער דֶער אַגְרָאדְנִיק. וָוארִין סֶע גֵייט אוּם אַ מְשׁוּגֶענֶער. און עֶר זָאגְט אַלְץ אַז עֶר אִיז דֶער אַגְרָאדְנִיק און אִיטְלִיכֶער הַאלְט אִים פַאר מְשׁוּגָע. און מֶע וַוארְפְט אִים נָאךְ שְׁטֵיינֶער. און מֶע טְרַייבְּט אִים אַוֶועק.

**טָאמֶער פָּארְט** אִיז טַאקֶע עֶר דֶער אַגְרָאדְנִיק. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען און מֶע הָאט אִים גִיבְּרַאכְט. הָאבּ אִיךְ גִיזָאגְט (דְהַיינוּ דֶער בֶּעטְלֶער דֶער טוֹיבֶּער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אַ וַודַאי אִיז עֶר דֶער אַגְרָאדְנִיק (דְהַיינוּ דֶער וָואס זֵיי הָאבִּין פְרִיר גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע).

**נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה** פון דָארְט אַז אִיךְ לֶעבּ חַיִּים טוֹבִים וָוארִין אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַּאר רֶעכְט דִי מְדִינָה (און דָארְךְ אִים הָאט זִיךְ זֵיי אַפִילוּ דֶער אַגְרָאדְנִיק אָפְּגִיזוּכְט. הָאבִּין זֵיי ווידֶער גִילֶעבְּט חַיִּים טוֹבִים כַּנַּ"ל) הַייְנְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה מַיין חַיִּים טוֹבִים.

## אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה און אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. און זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארְן:

**דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זֵיי גִישֶׁענְקְט** חַיִּים אֲרוּכִים דְהַיינוּ לַאנְג לֶעבִּין און דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זֵיי גִישֶׁענְקְט חַיִּים טוֹבִים. דְהַיינוּ גוּט לֶעבִּין.

**און אַזוֹי אַלֶע בֶּעטְלֶערְס** זֶענֶען אַלֶע דֶערְנָאךְ גִיקוּמֶען אוֹיף דֶער חַתוּנָה און הָאבִּין זֵיי גִישֶׁענְקְט דְרָשָׁה גִישַׁאנְק דָאס דָאזִיגֶע וָואס זֵי הָאבִּין זֵיי פְרִיר גְווִינְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלִין זַיין אַזוֹי ווִי זֵיי.

## און הַייְנְט הָאבִּין זֵיי דָאס גִישֶׁענְקְט זֵיי בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק.

# געווינער אויף די בחינות פון פסח איז:
# הילד החשוב נתי גוטליב, ירושלים , (זיבן בעטלערס 2)

מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח אין תלמוד תורה ברסלב ירושלים

## צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
## 02-5-3333-72
## 646-585-3040

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די דרייצנטע מעשה (3) - פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס איז געווען דער גוטער לעבן פון דעם טויבן בעטלער?**
- ☐ ער איז אסאך ארום געפארן
- ☐ ער האט געגעסן ברויט און געטרינקען וואסער
- ☐ ער האט געגעסן אלע מיני מטעמים

**ב. בהמשך המעשה: וואס האט פאסירט צו די עשירים ווען זיי האבן גענומען ברויט און וואסער פון דעם בעטלער?**
- ☐ *זיי האבן געפילט אין דעם אלע טעמים און אלע ריחות*
- ☐ *עס האט פארלכטן זייער מראה טעם וריח*
- ☐ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ג. מיט וואס האבן זיך בארימט די עשירים וואס דער טויבער בעטלער האט פון זיי א הסכמה?**
- ☐ מיט זייער עשירות
- ☐ מיט זייער אריכות ימים
- ☐ מיט זייער חיים טובים

**ד. וואס איז געווען אין דעם גארטן וואס דער בעטלער דערציילט זיי פון דעם?**
- ☐ פירות וואס האבן אלע טעמים וואס ס'איז דא אין דער וועלט
- ☐ אלע מיני ריחות און אלע מיני מראות פון דער וועלט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט די מדינה געהאט דורך דעם גארטן?**
- ☐ אריכות ימים
- ☐ חיים טובים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער מלך אכזר געטון?**
- ☐ כליא געמאכט דעם גארטן
- ☐ כליא געמאכט זייער חיים טובים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט פאסירט צו די עשירים ווען זיי זענען געקומען נאנט צו די מדינה פון דעם גארטן?**
- ☐ זיי האבן אוועק געווארפן זייער געלד
- ☐ ס'איז ביי זיי כליא געווארן די טעם
- ☐ זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען

**ח. צו וועם האבן די מדינה פון דעם גארטן געשיקט שליחים זיי צו העלפן?**
- ☐ צו דעם טויבן בעטלער
- ☐ צו די מדינה פון די עשירים
- ☐ צו דעם אגראדניק

**ט. ווער איז אריין געגאנגען מיט די שליחים צו די מדינה פון דעם גארטן?**
- ☐ דער טויבער בעטלער
- ☐ די עשירים
- ☐ דער אגראדניק

**י. וואס האט ער געהערט רעדן אין די מדינה?**
- ☐ חיזוק און התעוררות
- ☐ לשון הרע
- ☐ ניבול פה

**יא. וואס האט ער געזען אין די בתי דינים דארטן?**
- ☐ אז זיי זענען עהרליכע דיינים
- ☐ אז זיי מאכן יושר'דיגע פשרות
- ☐ אז זיי נעמען שוחד און ס'איז נישטא ביי זיי קיין אמת

**יב. וואס נאך האט ער געזען אין די מדינה?**
- ☐ אז זיי זענען בעלי גאוה
- ☐ אז זיי זענען פיל מיט ניאוף
- ☐ אז זיי זענען בעלי אמונה

**יג. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט דעם טעם פון די מדינה?**
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**יד. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט די מראה פון די מדינה?**
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**טו. וויאזוי האט דער מלך אכזר כליא געמאכט די ריח פון די מדינה?**
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניבול פה אין די מדינה
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט שוחד אין די מדינה
- ☐ דורך די קנעכט וואס האבן אריין געברענגט ניאוף אין די מדינה

**טז. וואס זאגט זיי דער בעטלער אויב זיי וועלן רייניגן די מדינה פון די דריי כתות?**
- ☐ אז עס וועט פאראכטן ווערן ביי זיי די מראה טעם און ריח
- ☐ אז זיי וועלן טרעפן דעם אגראדניק
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. וואס האט דער טויבער בעטלער געגעבן דרשה געשאנק?**
- ☐ חיים ארוכים
- ☐ חיים טובים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

***יח. שאלת מכות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם טויבן בעטלער?*** *(עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)*
- ☐ *ביום שב"ק כ"ה אדר תק"ע*
- ☐ *ביום רביעי כ"ט אדר תק"ע*
- ☐ *בליל שב"ק ג' ניסן תק"ע*

## טרעפט 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער







### ניגון וזמרה

ליקוטי הלכות נשיאת כפיים הלכה ה'

ווייל דער עיקר דביקות און התחברות צו השם יתברך איז דורך

קלינג אריין אין טעלעפאן ליין אויף קנעפל 255 צו הערן דער ניגון פון דער וואך

**וועלכע ניגון איז דאס?**

וועל אויס איינס פון די:

קה אלי, רננו צדיקים, ברכת החודש, אתה נגלית, ניגון הנשמות

**ווער האט עס מחבר געווען?**

רבינו נחמן מברסלב, ר' מענדל ליטוואק, ר' סנדר טראוויצער, רבי ר' ברוכל פון מעזיבוש, ר' יצחק ברייטער,